# פרשת לך לך ה׳ – י״א חשון תשע״ו לפ״ק

***יום ראשון פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט״א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של החתן **אברהם חיים** בן הר״ר **הערשי פישמאן** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **בנציון טיבערג** הי״ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק לביתו החדש של הר״ר **זושא גאלד** הי״ו (ב״פ). **רבינו שליט״א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך מסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ בית הכנסת סימן קנ״ד סעיף י״ג). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** תורה הייבט אן די פרשה, אז נח איז געווען א איש צדיק תמים (ו-ט). שפעטער ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו נח, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה (ז-א), און דער אייבערשטער האט אים נישט געזאגט, אז ער איז א צדיק תמים. די צוויי פרשיות איז געווען אפגערוקט איינס פונעם צווייטען, הונדערט און צוואנציג יאר. אין די ערשטע פרשה ביז שני, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר נח, אז ער זאל גיין מאכן א תיבה, ווייל ער גייט ברענגען א מבול. און נח האט זיך מתעסק געווען צו מאכן די תיבה הונדערט און צוואנציג יאר, און פאר דער אייבערשטער האט געברענגט דעם מבול, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי לימים עוד שבעה גיי איך ברענגען א מבול, און דעמאלטס האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה. און רש״י זאגט, ווייל מקצת שבחו של אדם בפניו, וכולו שלא בפניו (עירובין יח:). אנהייב פרשה רעדט מען שלא בפניו. און דא האט דער אייבערשטער גערעדט צו נח בפניו, האט ער אים נאר געזאגט, אז ער איז א צדיק.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין אבות דרבי נתן (לח-ג), אז בשעת מען האט גוזר געווען מיתה אויף די עשרה הרוגי מלכות, וואס זענען געווען די גרעסטע ביי כלל ישראל, האט רבי שמעון בן גמליאל געפרעגט רבי ישמעאל בן רבי יוסי, פארוואס קומט זיך אונז אז מען זאל אונז הרג'ענען אזוי ווי עובדי עבודה זרה, און ווי שופכי דמים. מיר האבען נישט געטון אזעלכע עבירות, וואס מיר זאלן מחוייב זיין מיתה. האט אים רבי ישמעאל בן רבי יוסי געזאגט, עס קען זיין, אז אמאל ווען דו ביסט געזעסן ביי דיין סעודה און דו האסט געגעסן, איז געקומען אן ארימאן און ער האט געוואלט אריינקומען צו דיר אין שטוב, און דיין משמש, דיין גבאי, האט אים נישט אריינגעלאזט ווייל דו האלטסט אינמיטן עסן. און עס קומט זיך דיר אזא עונש, ווייל דו האסט זיך נישט אומגעקוקט אויף א ארימאן וואס איז געקומען בשעת דו האסט געהאלטן אינמיטן די סעודה. האט אים רבי שמעון בן גמליאל געזאגט, עס איז ביי מיר אזוינס נישט פארגעקומען, ווייל איך האב אנגעזאגט פאר מיין משמש, אז ווען איינער קומט, אפילו איך האלט אינמיטן די סעודה, זאל מען אים אריינלאזן.

**האט** ער אים געזאגט, קען זיין אז בשעת יודען זענען געקומען עולה רגל זיין, און עס זענען זיך צוזאמגעקומען טויזנטער יודען אויפן הר הבית, און דו האסט גע'דרש'נט פאר זיי, און קען זיין אז דו האסט דעמאלטס געהאט א זחיחות הדעת, און א גוט אויפגעלייגטקייט אז דו ביזט דער גרויסער מענטש וואס דרש'נט פארן גאנצן כלל ישראל. וסביביו נשערה מאד (תהלים נ-ג), אויף צדיקים איז דער אייבערשטער מדקדק אפילו כחוט השערה (ב״ק נ.), און עס קען זיין, אז פארדעם קומט זיך דיר אזא עונש. און רבי שמעון בן גמליאל האט נישט געענטפערט דערויף, און ער האט מקבל געווען אויף זיך דעם דין. אזוי שטייט אין אבות דרבי נתן.

**עס** איז א געוואלדיגער מוסר השכל, אז מען זעהט ווי גרויס עס איז תועבת ה' כל גבה לב (משלי טז-ה), אזוי ווייט אז אפילו א זחיחות הדעת, א מענטש שפירט זיך אזוי גוט ביי זיך, אז ער איז צוגעקומען צו עפעס א מדריגה, און ער שטייט אויף א הויכע פאזיציע, רבי שמעון בן גמליאל איז געווען נשיא,

און ער האט גע'דרש'נט פארן גאנצן כלל ישראל, און פאר דעם זחיחות הדעת איז געקומען אזא עונש.

**און** כל שכן ווען דער רבונו של עולם זאגט פאר איינעם אז ער איז א צדיק. די גאנצע וועלט זענען רשעים, און איך גיי ברענגען א מבול, און דו מיט דיין שטוב זענען די איינציגסטע וואס איך גיי מציל זיין, איז דאך זיכער אז עס האט געקענט צוברענגען ביי נח אביסל דערהויבענקייט ביי זיך, אז ער איז דאך עפעס. דער אייבערשטער האט אים אויסגעקליבן פון די גאנצע וועלט, אז אים וועט מען איבערלאזען, און פון אים וועט מען שפעטער איינפלאנצן אלע דורות. קען דאך עס ברענגען פאר נח א זחיחות הדעת, אז ער איז אויסגעקליבען געווארן מער פון אלע. רש"י (סוטה ד:) זאגט, אז גאוה מיינט נישט שטאלצקייט, אז א מענטש זיצט אויבנאן, אדער ער זוכט כבוד וכדומה. גאוה איז טייטש א אינווייניגע זאך אינעם מענטש, אז 'נפשו חשובה בעיניו', זיין נפש איז ביי אים חשוב. ער איז זיך מחשיב, אז ער איז מער פון א צווייטען, דאס איז די נקודה פון גיאות. איז דאך מעגליך אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר נח, אז דיר האב איך אויסגעקליבען, איז געווען ביי נח אזא ענין, אז ער איז צוגעקומען צו א זחיחות הלב, אז דער אייבערשטער אליין זאגט אויף אים, אז ער איז גוט. מען דארף נישט מער פון דעם, אז דער אייבערשטער אליין איז מעיד אויף א מענטש אז ער איז גוט.

**עס** איז דא זייער א טיף ווארט פונעם **קאצקער רבי**, אז די גמרא (סנהדרין קב.) זאגט ביי ירבעם, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, 'חזור בך', טו תשובה. און אויב דו וועסט תשובה טון, 'אני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן'. האט ירבעם געפרעגט, 'מי בראש', ווער וועט זיין קודם. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, 'בן ישי בראש'. האט זיך דער **רבי פון קאצק** געשטעלט, דער אייבערשטער האט דאך אים געזאגט, 'אני ואתה ובן ישי', איך און דו, דו ביזט דער צווייטער, און בן ישי איז דער דריטער, פארוואס האט ער איבערגעפרעגט מי בראש, ווער עס וועט זיין קודם. אוודאי איז ירבעם קודם, ווייל אויב נישט, וואלט דער אייבערשטער געזאגט 'אני ובן ישי ואתה', און אז דער אייבערשטער האט געזאגט, 'אני ואתה', מיינט דאך דאס אז ירבעם וועט זיין בראש.

**האט** דער **קאצקער רבי** געזאגט, ווען א מענטש הערט אמאל א קאמפלימענ"ט וויל ער עס הערן נאכאמאל. ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט 'אני ואתה ובן ישי', אז ער איז דער צווייטער, האט ער עס געוואלט נאכאמאל הערן, האט ער איבערגעפרעגט 'מי בראש', כדי דער אייבערשטער זאל אים נאכאמאל זאגען אז ער וועט זיין בראש. דאס איז דאך שוין א זחיחות הדעת, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, האסט פארלוירן דעם זכות. איך קען זיין נעבן דיר, ווילאנג דו ביסט אן עניו און א שפל ברך. אבער אז דו פרעגסט מי בראש, ווער עס וועט זיין קודם, ווייל דו ווילסט נאכאמאל הערן אז מען האט דיר אויסגעקליבען צו זיין בראש, יעצט וועסטו זיין דער צווייטער, און בן ישי ווען זיין קודם. אזוי שטייט פונעם **רבי'ן פון קאצק**.

**'תמים'** איז א מדריגה פון ענוה (רש"י ע"ז ו.), די גמרא (מגילה כט.) זאגט, 'האי מאן דיהיר', ווער עס איז שטאלץ, 'בעל מום הוא', איז עס א מום אין א מענטש. און אז די תורה זאגט אויף איינעם, אז ער איז א תמים, מיינט עס צו זאגען, אז ער האט געהאט אין זיך די מדה פון ענוה. און נח האט געהאט אלעס, ער איז געווען אן איש צדיק תמים, ער איז געווען א צדיק, און ער האט זיך נישט געהאלטן שטאלץ. את האלקים התהלך נח, ער איז געגאנגען מיטן אייבערשטען, ער האט נישט געהאט אין זיך קיין שום נגיעה פון גיאות. אבער נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל מאכן א תיבה, און קיינער וועט נישט בלייבען נאר ער. האט ער זיך גוט געפילט, אז דער אייבערשטער האט אים אויסגעקליבען פון יעדן איינעם. איז ער שוין א תמים נישט געווען, ווייל תמים איז א מדריגה פון ענוה ושפל רוח, און האי מאן דיהיר בעל מום הוא. אנהייב איז נח געווען אן איש צדיק תמים, ער איז געווען א צדיק, און ער איז אויך געווען א תמים. אבער נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז נאר ער וועט איבערבלייבען נאכן מבול, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני

בדור הזה, עס האט אים שוין געפעלט די בחינה פון צדיק תמים, און ער איז געבליבען נאר אין די בחינה פון א צדיק אליין.

*

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א הסבר, ווייל אין פסוק שטייט טאקע פריער נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, אבער דער פסוק פון אלה תולדות נח איז געשריבען געווארן אסאך שפעטער נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה. דער פסוק פון אלה תולדות נח, האט דער אייבערשטער געהייסען פאר משה רבינו אז ער זאל אזוי שרייבען אין די תורה, אבער דער דיבור וואס דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, כי אותך ראיתי צדיק לפני, איז געווען בעפאר מען האט געשריבען דעם פסוק פון אלה תולדות נח. קומט אויס, אז עס איז פארקערט, קודם האט אים דער אייבערשטער געזאגט כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, און שפעטער ווען מען האט געשריבען די תורה, האט דער אייבערשטער געשריבן אויף אים, אז ער איז געווען א צדיק תמים.

**עס** שטייט אין זוהר (ח"א סח.) אז עס איז געווען א תביעה אויף נח אז ער האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור. ווען א מענטש איז אין א צרה דארף מען מתפלל זיין אויף אים. דער אייבערשטער גייט אומברענגען א גאנצע וועלט, און נח האט זיך גוט געפילט, עס איז נישט נוגע פאר אים, וואס עס וועט זיין מיט אנדערע. ער גייט מאכען א תיבה, און ער וועט בלייבען. איז געווען א תביעה אויף אים, פארוואס ער האט אזוי געטון, און וועגן דעם האט ער זיך געדארפט פלאגען א גאנץ יאר אין א תיבה. עס שטייט אין **חתם סופר** (כב:) אז די מדרש (ב"ר לג-ז) לערנט ארויס פונעם מבול, אז משפט רשעים בגיהנם איז י"ב חודש, ווייל דער מבול איז געווען י"ב חודש. זאגט דער **חתם סופר**, משפט רשעים בגיהנם גייט נישט ארויף אויף די רשעים פונעם דור המבול, אז זיי האבען געהאט א משפט י"ב חודש. ווייל זיי זענען געשטארבען איינס צוויי אינעם וואסער, און זיי האבען נישט געהאט א משפט פון י"ב חודש. נאר נח אליין האט געהאט א משפט י"ב חודש. נח האט געהאט א גיהנם אין די תיבה. ער האט געדארפט זיצען איינגעשפארט אין א תיבה א גאנץ יאר, און ער האט זיך געדארפט אפגעבן מיט אלע בעלי חיים, ווייל ער האט געדארפט אפקומען דאס וואס ער האט נישט מתפלל געווען. קומט אויס, אז אנפאנג איז ער נאר געווען א צדיק אליין, אבער נאכדעם וואס ער האט זיך אויסגעלייטערט אין די תיבה י"ב חודש, אזוי אז ווען דער אייבערשטער האט געשריבען די תורה, האט ער געשריבען, נח איש צדיק 'תמים' היה בדורותיו.

**איך** וויל ארויסברענגען די נקודה, **מען ווייסט אז אין ארץ ישראל איז דער מצב נישט אזוי גוט, עס האט שוין געקאסט נפשות. מען פילט זיך אסאך מאל גוט, מיר וואוינען אין אמעריקא, און מיר האבען נישט די פראבלעמען וואס זיי האבען, מען גיט טאקע אמאל א קרעכץ ווען מען הערט אז עס איז נישט גוט דארט, און מען איז יוצא מט דעם. א יוד איז מחוייב מתפלל צו זיין. ווען יודען זענען אין אן עת צרה, דארף יעדער מוסיף זיין א קאפיטל תהלים, און ביים דאווענען דארף מען האבען מער כוונה, ווען מען איז מתפלל אויף אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשביה.** אויף נח איז געווען א תביעה, פארוואס ער האט נישט מתפלל געווען אויף בני דורו, אפילו ער האט געפילט ביי זיך אז עס איז אים נישט נוגע. ער האט זיין הצלה, ער האט זיין תיבה, פון דעסטוועגן דאך דארף מען מתפלל זיין פאר א צווייטען. מען דארף וויסען די חשיבות פון יעדע תפלה, און מען דארף מתפלל זיין פאר אחינו בני ישראל, אז דער אייבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט אויפן כלל ישראל.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרב **אברהם יצחק פעדער** שליט"א (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **מנחם צבי זילבער** הי"ו (מאנסי), שהתקיים בבית אבי הכלה שליט"א. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, ונתכבד בברכה אחריתא. אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום שני פרשת לך לך</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל בנימין פאללאק** הי"ו.

**רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**ביי** א ברית מילה מאכט מען די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. פארוואס טוט מען אויסדריקן, אז מען טוט אים מכניס זיין בבריתו 'של אברהם אבינו', נאך וועם עס איז געגעבן געווארן די ברית. סוף כל סוף האבן מיר א ברית מיטן אייבערשטען, אז מען דארף זיך מל'ן, און אברהם אבינו איז נאר געווען דער ערשטער וואס האט עס געטון, ער איז געווען דער שליח אונז איבערצוגעבן די מצוה. אין רמב"ם (פירוש המשניות חולין ז-ו) שטייט, אז דאס וואס מען מל'ט זיך, איז נישט וועגן אברהם אבינו, נאר ווייל די תורה האט עס שפעטער מצווה געווען ביי מתן תורה. פארוואס מאכט מען די ברכה, להכניסו בבריתו של אברהם אבינו.

**מען** האט פריער געהערט די קשיא, אז אברהם אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולו, און פונקט מצות מילה האט ער נישט מקיים געווען, און ער האט עס איבערגעלאזט ביז דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען ביי די הונדערט יאר, און דעמאלטס האט ער זיך געמל'ט. און די תירוץ דערויף איז, ווייל מצות מילה קען מען נישט מקיים זיין נאר איין מאל, און ער האט עס געוואלט מקיים זיין אלץ מצווה ועושה. יעדע מצוה קען ער מקיים זיין אלץ אינו מצווה, און ווען ער וועט ווערן מצווה, וועט ער עס נאכאמאל מקיים זיין אלץ א מצווה, עס איז דאך גדול המצווה ועושה, יותר ממי שאינו מצווה ועושה (קידושין לא.), אבער א מצוה וואס ער קען מקיים זיין נאר איינמאל, האט ער אויסגעווארט אז ער זאל ווערן א מצווה. דאס איז א גוטע תירוץ אויף אברהם אבינו. אבער די קשיא איז כביכול אויפן רבונו של עולם, פארוואס האט דער אייבערשטער אליין געווארט הונדערט יאר, ביז ער האט אים מצווה געווען די מצוה. פארוואס האט אים דער אייבערשטער נישט מצווה געווען אויף מצות מילה פארדעם.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, עס איז דא א ווארט פונעם הייליגען **רבי ר' זושא זי"ע**, די גמרא (קידושין מ.) זאגט, מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, א מחשבה טובה איז דער אייבערשטער מצרף אזוי ווי מען וואלט עס געטון. האט ער זיך געשטעלט, עס וואלט געדארפט צו שטיין מחשבה טובה הקב"ה 'מְחַשְּׁבָהּ' למעשה, א גוטע מחשבה טוט דער אייבערשטער רעכענען אזוי ווי מען האט עס געטון. וואס איז טייטש 'מצרפה', אז ער איז עס מצרף, ער שטעלט עס צו, צו די מעשה.

**האט** דער הייליגער **רבי ר' זושא** געזאגט, עס איז דא אמאל א יוד וואס האט א גוטע מחשבה צו טון א דבר טוב, אבער ער קען עס נישט אויספירן בפועל. ער איז א ארימאן, ער וואלט זייער שטארק געוואלט געבן צדקה. ווען ער זאל האבן געלט וואלט ער געגעבן א ים מיט געלט פאר צדקה, ער האט א גוטע מחשבה, אבער ער קען עס נישט אויספירן בפועל, ווייל ער האט נישט. ווייטער זענען דא אנדערע וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן פארמעגן, און זיי קענען טון, און זיי טוען טאקע, אבער די מחשבה איז נישט אזוי מיטן גאנצן הארץ. ווייל א מענטש וואס האט געלט, און ער דארף עס אוועקגעבן, אפילו ער טוט עס, איז נישט אייביג אויך די מחשבה דערביי, בשעת ער טוט עס.

**קומט** אויס, אז עס איז דא יודען וואס האבען די מחשבה אליין, און עס איז דא יודען וואס האבען א מעשה אליין, און קיין איינס איז נישט א שלימות'דיגע מצוה. ער האט נאר די מחשבה, און ער האט נאר די מעשה. טוט דער אייבערשטער צוזאמשטעלןביידע צוזאמען, דער האט געהאט די מחשבה, און דער האט געטון די מעשה, און דורך דעם ווערט א שלימות'דיגע מצוה. 'מחשבה טובה', ווען א יוד האט א גוטע מחשבה, 'הקב"ה מצרפה' טוט עס דער אייבערשטער צושטעלן, 'למעשה', צו דעם יוד וואס האט נאר א מעשה, און בשותפות זענען זיי מקיים די מצוה.

**דער** חלק המוסר דערפון איז, ווען א מענטש האט א גוטע מחשבה, איז ער אסאך מאל מזלזל דערין. ער וואלט געוואלט לערנען, ער וואלט געוואלט דאווענען, און טון מצות און מעשים טובים, אבער ער קען עס נישט אויספירן בפועל. און ער טראכט ביי זיך, וואס האב איך אויפגעטון מיט די מחשבה

אז איך וויל, איך קען עס דאך ממילא נישט אויספירן, וואס איז די תועלת פון די מחשבה. און אמאל איז דא פארקערט, א מענטש טוט א מעשה, ער ווייסט ביי זיך אז ער לערנט און ער דאווענט, אבער עס איז נאר די מעשה אליין, עס פעלט די הארץ דערביי, איז ער אסאך מאל מזלזל דערין. אבער עס איז נישט ריכטיג, ווייל אז דער אייבערשטער טוט צוזאמשטעלן ראובן'ס מחשבה מיט שמעון'ס מעשה, און עס ווערט דערפון איין מצוה, קומט אויס אז א יעדע מחשבה טובה וואס א יוד האט, וועט אמאל אנקומען צו א מעשה. און יעדער דבר טוב וואס א יוד טוט, וועט עס צוגעשטעלט ווערן צו א מחשבה, ווייל מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה.

**דער** אייבערשטער האט נישט מצווה געווען אברהם אבינו די מצוה פון ברית מילה ביז די הונדערט יאר, כאטש אברהם אבינו האט משיג געווען מצות מילה, ער האט דאך מקיים געווען כל התורה כולה, האט ער דאך אלעס משיג געווען. און אברהם אבינו האט געהאט כל ימיו א געוואלדיגע השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה, אבער ער האט נישט געקענט, ווייל ער מוז ווארטען ביז ער וועט ווערן א מצווה ועושה. האט אברהם אבינו געהאט הונדערטער טויזנטער מחשבות אז ער וויל מקיים זיין מצות מילה. ווען יודען זענען מקיים מצות מילה, איז דא איינער וואס טוט עס מיטן גאנצן הארץ, און עס איז דא אמאל א יוד וואס האט נישט די השגות, און די כוונות צו די מצוה. ביי יעדע ברית מילה וואס א יוד איז מקיים, נעמט דער אייבערשטער די מחשבה און די השתוקקות וואס אברהם אבינו האט געהאט צו די מצוה, און ער שטעלט עס צו, צו די מעשה וואס דער יוד איז מקיים, און צוזאמען איז דא א שלימות'דיגע מצוה פון מילה.

**וועגן** דעם זאגט מען די ברכה, אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, דער אייבערשטער האט אונז געהייסען מכניס זיין דאס קינד אין די ברית פון אברהם. אברהם אבינו האט דער אייבערשטער נישט מצווה געווען אויף די מצוה פון ברית מילה ביז די הונדערט יאר, און אברהם אבינו האט געהאט די אלע יארן א מחשבה טובה מקיים צו זיין די מצוה, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט אז ביי יעדן ברית זאל מען קענען צושטעלן די מחשבה פון אברהם אבינו, מיט די מעשה פון א יוד, כדי אז א יעדער יוד זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון ברית מילה בשלימות. דאס איז להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, ביי יעדן ברית זענען מיר א שותף אין די מצוה מיט אברהם אבינו. אברהם האט געהאט די מחשבה טובה, און דער יוד איז מקיים די מעשה.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פאר שמואל בנימין, אז ער האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, און עס איז דא די כח פון אברהם אבינו וואס באגלייט יעדן ברית מילה. אבער ביי אונז איז דא נאך א ספעציעלע מחשבה טובה וואס הקב"ה מצרפה למעשה. **יעדער רב אין א קהלה האט א מחשבה טובה, אויפצוטון לה' ולתורתו וואס מען קען אויפטון. במעשה קען ער עס נישט אדורכפירן, ווייל ער דארף זיצן און לערנען, און עוסק זיין אין זיינע ענינים. גיט דער אייבערשטער פאר יעדן רב, אז ער זאל האבען אזעלכע וואס זאלן טון די מעשה, און דער אייבערשטער איז נאכדעם מצרף די מחשבה טובה פונעם רב, מיט די מעשה פונעם צווייטען, און צוזאמען ווערט דערפון א שלימות.** רבי שמואל בנימין נעמט איבער אסאך פון מיינע מעשים וואס איך האב געוואלט טון, אבער איך קען עס נישט אויספירן, און ער פירט עס אויס מן הכח אל הפועל. זאל אים דער אייבערשטער געבן אז ער זאל ווייטער אויך קענען טון להגדיל תורה ולהאדירה מתוך נחת והרחבת הדעת, און מגדל זיין דאס קינד און אלע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נתאספו קהל עדתינו לשמוח בשמחת עטרת ראשינו **מרן רבינו שליט"א**, שמחת התנאים של נכדתו הכלה המהוללה תחי', בת חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן**

ישעי' **ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי וראה"כ דכוללינו בוומסב"ג, עב"ג החתן המופלג בתוי"ש הרב **יואל יוסף עזריאל** נ"ו, בן **הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א** חבר ביד"ץ טארטיקוב, שהתקיימה ברוב פאר והדר בבית מדרשנו הגדול, בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ קרובי ומחותני המשפחה שליט"א, כשבראש המסובין פארו הסבים **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, והגה"צ רבי משה ראזנער שליט"א** אב"ד טערצאל.

במשך מסיבת התנאים נשמעו דברי תורה מהמחותנים שליט"א. לאחר מכן סידר **רבינו שליט"א** את שטר התנאים וכיבד את מחותנו **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** בקריאת התנאים. לאחר שבירת הצלחת פרצו כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין שנמשך למשך זמן. אחר הריקודין השמיע דברי תורה **הגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א**, ואחריהם השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה.

במשך התנאים עברו מאות אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א, כאשר מתחלק לכל המשתתפים הספר הנהדר **תהלים ולאשר אמר – ויגד משה**, שיצא לאור לאחרונה ע"י מכון מעדני מלך (נדבת לבו של הנה"ח הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו). ויהא רעוא שמשמחה זו ישפע שמחה ורב טוב לנו ולכל בני ישראל.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה געפונט מען, אז אברהם אבינו האט מלחמה געהאלטן מיט די מלכים, און ער האט געזיגט די מלחמה, און ער האט מיטגענומען מיט זיך דעם גאנצן רכוש. און מלך סדום איז געקומען, און ער האט געוואלט מאכן א פשרה, אז א חלק זאל ער צוריקגעבן, און א חלק קען ער האלטן פאר זיך. און אברהם האט אים געזאגט, אם מחוט ועד שרוך נעל, איך גיי נישט נעמען אפילו א חוט אדער א שרוך נעל, ואם אקח מכל אשר לך, איך וועל נישט נעמען קיין שום זאך וואס געהער צו דיר, ולא תאמר אני העשרתי את אברם, דו זאלסט נישט זאגען אז דו האסט מיר מעשיר געווען. עשירות וועל איך באקומען פונעם אייבערשטען, און נישט דו וועסט מיר געבן די עשירות. אברהם אבינו בגודל צדקתו האט זיך נישט פארלוירן, ער וואלט געקענט האבען אזא רכוש פון פינף מלכים, און ער האט נישט גענומען מחוט ועד שרוך נעל, נאר ער האט אלעס צוריקגעגעבן.

**אנהייב** פון די פרשה זעהט מען, אז אברהם אבינו האט זיך געפירט גאר אנדערש. אברהם אבינו האט געזאגט פאר שרה, ווען ער איז אנגעקומען קיין מצרים, והיה כי יראו אותך המצרים, ואמרו אשתו זאת, והרגו אותי ואותך יחיו, אמרי נא אחותי את, למען ייטב לי בעבורך, וחיתה נפשי בגללך (יב-יב), און ווי רש"י זאגט, למען ייטב לי בעבורך, מען זאל מיר געבן מתנות. און אברהם האט גענומען די מתנות, ולאברם הטיב בעבורה, ויהי לו צאן ובקר וחמורים ועבדים ושפחות, ער האט אלעס גענומען פון פרעה.

**און** דער חידוש איז נאך גרעסער, ער האט טאקע אלעס גענומען, אבער ער האט עס נישט גענוצט, נאר אלעס וואס ער האט באקומען פון מצרים האט ער געגעבן פאר מתנות פאר די פלגשים. ולבני הפלגשים אשר לאברהם נתן אברהם מתנות (כה-ו), זאגט רש"י, אז אלע געלטער וואס ער האט באקומען פון פרעה, האט ער נישט געוואלט אז יצחק זאל עס ירש'נען, און ער האט עס אוועקגעגעבן פאר די פלגשים. פארוואס ביי סדום האט ער נישט גענומען, און ביי די מצריים האט ער יא גענומען, און ער האט נישט געוואלט נהנה זיין דערפון, און ער האט עס שפעטער אוועקגעגעבן.

*

**מען** געפונט אין פרשת שופטים (דברים כ-ה), אז די תורה זאגט, אז ווען מען גייט ארויס אין א מלחמה, האבען די שוטרים גערעדט אל העם, און זיי האבען פארגעליינט ווער עס זאל צוריקגיין און נישט ארויסגיין אין די מלחמה. און זיי האבען אויסגערעכנט דריי זאכען. איינס, ווען איינער האט געבויט א בית חדש ולא חנכו, ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה, ואיש אחר יחנכנו. די צווייטע זאך האט מען אויסגערופן, אז ווען איינער האט נוטע געווען א כרם ולא חיללו, ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה, ואיש אחר יחללנו. די דריטע זאך, מי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה, אויב ער האט געטון א שידוך, און ער האט נאכנישט חתונה געהאט מיט איר. עס איז געווען אירוסין, אבער

נישט נישואין. ילך וישוב לביתו, זאל ער אויך נישט ארויסגיין אין די מלחמה, פן ימות במלחמה, אפשר וועט ער שטארבען, ואיש אחר יקחנה. אויף די לעצטע מאל ווען זיי האבען געזאגט פן ימות במלחמה זאגט רש"י, 'שאם לא ישמע לדברי הכהן', אויב ער וועט נישט צוהערן וואס דער כהן זאגט, און ער וועט נישט צוריקגיין, 'כדאי הוא שימות', איז ער כדאי אז ער זאל שטארבען.

**איך** האב געהערט פרעגן, פארוואס זאגט רש"י נאר ביי די לעצטע מאל, ביי מי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה, אז פן ימות במלחמה מיינט נישט אז אפשר וועט ער שטארבען, נאר עס איז כדאי, עס קומט זיך אים, אז ער זאל שטארבען, ווייל ער האט נישט געפאלגט וואס די שוטרים האבען געזאגט. פארוואס זאגט עס נישט רש"י ביי די ערשטע מאל אויך, אז אויב ער האט נישט געפאלגט וועגן זיין בית אדער זיין כרם, איז כדאי אז ער זאל שטארבען אין די מלחמה, ווייל ער האט נישט געפאלגט וואס די שוטרים האבען געזאגט.

**האב** איך געהערט טייטשן אזוי. די שוטרים האבען אויסגערופן, אז מען זאל צוריקגיין פון די מלחמה, ווייל עס איז אן עגמת נפש. א מענטש האט געבויט א הויז, און ער איז נאכנישט אריינגעגאנגען וואוינען דערין, און ער גייט ארויס אין די מלחמה, און ער וועט עס איבערלאזען, און אן אנדערער וועט זיך אריינציען דערין, איז א עגמת נפש פאר א מענטש אזא מצב. עס קען אבער זיין אמאל א יוד וואס וועט זאגען, איך בין גרייט אויף דעם עגמת נפש. מען רעדט דאך דא פון ארויסגיין אויף א מלחמת מצוה, איך בין גרייט צו טון א מצוה מיט מסירת נפש, איך וויל ארויסגיין אין די מלחמה, און עס אינטערעסירט מיך נישט אז איך וועל פאלן אין די מלחמה, און מען וועט אוועקנעמען די הויז. קען מען נישט האבען אויף אים א תביעה, אז ער איז ארויסגעגאנגען אין די מלחמה, און כדאי הוא שימות, עס איז כדאי אז ער זאל שטארבען, ער איז דאך אן ערליכער יוד, ער האט עס געטון ווייל ער וויל טון א מצוה און ארויסגיין אין א מלחמת מצוה, און עס אינטערעסירט אים נישט זיין בית אדער זיין כרם, קען מען נישט זאגען אויף אים, כדאי הוא שימות.

**אבער** ווען מען רעדט פון ארש אשה ולא לקחה, און ער זאגט, עס אינטערעסירט מיר נישט, און איך גיי ארויס אין די מלחמה, אפילו עס קען זיין אז איש אחר יקחנה. '**דו קענסט טאקע זיין א פרומער אויף דיין חשבון, אבער דו קענסט נישט זיין א פרומער אויף די חשבון פון די כלה**'. ווען דו גייסט ארויס אין די מלחמה, לאזטו דאך איבער אן אלמנה אין שטוב. און מען קען נישט זיין א פרומער, אויף די חשבון פון א צווייטען. בנה בית חדש ולא חנכו, קענסטו מוותר זיין אויפן בית. נטע כרם ולא חיללו, קענסטו מוותר זיין דערויף. אבער אויף ארש אשה ולא לקחה, אפילו ער זאגט, עס אהרט מיך נישט די עגמת נפש וואס וועט זיין, דאך טאר ער עס נישט טון, ווייל דו טוסט קאליע מאכן פאר א צווייטען אויך.

**ווען** א פרוי ברענגט אריין געלט אין שטוב, האט זי אליין הנאה דערפון, אז זי האט צוגעהאלפן פאר די שטוב, און זי איז נישט אנגעוויזען אז דער מאן זאל איר געבן צו עסן, ווייל זי האט אויך אריינגעברענגט געלט אין שטוב. ווען שרה האט באקומען די גרויסע פארמעגן פון פרעה, אמת טאקע אז מען האט עס נישט געגעבן פאר איר, נאר מען האט עס געגעבן פאר אברהם, אבער ולאברם הטיב 'בעבורה', ער האט עס באקומען וועגן איר. און זי פילט זיך גוט, אז זי האט אריינגעברענגט אין שטוב אזא גרויסען אוצר. ווען אברהם וועט זאגען, איך בין מוותר דערויף, איך בין א פרומער, איך גיי נישט נעמען דאס געלט, איך דארף נישט געלט פון פרעה, איך געב עס צוריק, איז עס אויף איר חשבון, און אויף איר חשבון איז ער נישט געווען א פרומער.

**ווען** ער איז געווען אין די מלחמה, און ער האט אליין געזיגט די מלחמה, און ער האט באקומען א הון רב, האט ער געזאגט, פאר א הון רב וואס איך קען באקומען פון די מלחמה, און איך האב עס אליין זוכה געווען, דאס געלט דארף איך נישט, איך בין מוותר דערויף, און איך גיב עס אוועק. אבער דא וויבאלד ולאברם הטיב 'בעבורה', עס איז געווען פארבינדען מיט איר אויך, זי האט אריינגעברענגט די פארמעגן פאר אברהם, האט אברהם נישט געוואלט אוועקנעמען די קורת רוח

וואס זי האט, און ער האט אנגענומען די מתנה, און ער האט עס נישט צוריקגעגעבן פאר פרעה. ער וויל דאך אבער נישט נהנה זיין פון דעם געלט וואס ער האט באקומען פון פרעה, האט ער געטון ווי א חכם. ער האט עס נישט צוריקגעגעבן, אז זי זאל זיך גוט שפירן, אז זי האט אריינגעברענגט פארמעגן אין שטוב, אבער שפעטער האט ער אלעס אוועקגעגעבן פאר די בני הפלגשים, אז עס זאל נישט בלייבען ביי זרע אברהם יצחק ויעקב.

*

**מען** ווייסט אז לחם האט צוויי טייטשן, לחם איז טייטש ברויט, פרנסה, דאס וואס א מענטש עסט. און א זיווג פון א מענטש ווערט אויך אנגערופן לחם. ביי יוסף שטייט (לט-ו) כי אם הלחם אשר הוא אוכל. פארוואס ווערט א זיווג אנגערופן לחם.

**די** גמרא (בבא מציעא נט.) זאגט, 'לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו', א מענטש דארף זיין נזהר אין געבן כבוד פאר זיין בני בית, 'שנאמר', ווייל עס שטייט אין פסוק (יב-טז), 'ולאברם הטיב בעבורה', אלע ברכות וואס א מענטש האט אינעם שטוב, ווערט ער געבענטשט דורך איר. זי ברענגט אריין די ברכה אין שטוב, און וועגן דעם דארף מען זיין זהיר בכבוד אשתו, ווייל די ברכה וואס ער האט, איז אין איר זכות. 'והיינו דאמר רבא', דאס האט רבא געזאגט, 'אוקירו לנשייכו', איר זאלט געבן כבוד פאר ענקערע ווייבער, 'כי היכי דתתעתרו', כדי איר זאלט ווערן עשירים. רבא האט דא צוגעגעבן נאך א נקודה וואס איז נישט געשטאנען פריער. פריער איז געשטאנען אז ער האט געזאגט, לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו, געבטס כבוד אין שטוב, ווייל זי ברענגט אריין די ברכה אין שטוב. דאס מיינט צו זאגען, אז דו זאלסט נישט זיין א כפוי טובה, ווייל אלעס וואס דו האסט אינדערהיים, קומט אין איר זכות, און עס קומט זיך אז דו זאלסט זיין זהיר בכבוד אשתו. אבער ווען א מענטש איז יא א כפוי טובה, און ער איז נישט זהיר בכבוד אשתו, שטערט עס נישט די ברכה וואס קומט אריין אין שטוב. ער איז נאר נישט א מענטש, ער איז א כפוי טובה, ער צאלט נישט צוריק אויף די ברכה וואס זי האט אריינגעברענגט. זאגט די גמרא ניין, רבא האט געזאגט, אוקירו לנשייכו 'כי היכי' דתתעתרו, נישט אז זי ברענגט אריין די ברכה אין שטוב סתם אזוי, נאר עס איז א שותפות. ווען דו וועסט געבן כבוד אין שטוב, דו וועסט איר מכבד זיין, דעמאלטס וועט זיין די עשירות אין שטוב. אוקירו לנשייכו, געבטס כבוד, כי היכי דתתעתרו, דורך דעם וועט איר ווערן עשירים.

**קומט** אויס אז ווען א מענטש געבט אכט, און ער איז זהיר בכבוד אשתו, ער איז זהיר אינעם כבוד פון זיין שטוב, ברענגט עס עשירות אין שטוב. ולאברם הטיב בעבורה, אברהם האט געהאט זיין טובה דורך שרה. אברהם האט געהאט אייגענע זכותים אויך, אברהם איז געווען געוואוג גרויס, אבער די ברכה אינעם שטוב קומט אריין דורך אשתו, און דורך שרה איז געקומען די ברכה. - וועגן דעם ווערט א אשה אנגערופן לחם, ווייל זי ברענגט אריין די לחם אינעם שטוב. דאס וואס מען האט פרנסה אין שטוב, און מען האט עשירות, איז אין איר זכות. וועגן דעם רופט מען איר לחם, צו ווייזען אז די לחם וואס איז דא אין שטוב, קומט אריין אין איר זכות.

*

**לחם** האט אבער א דריטע טייטש אויך. די תורה הק' ווערט אויך אנגערופן לחם, לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה). און א אשה ווערט אויך אנגערופן לחם. די וועלט זאגט נאך פון א גדול, אז ער האט אמאל געזאגט, אז די תורה ווערט אנגערופן אן אשה. און ווען מען האט חתונה, האט מען אויך חתונה מיט א אשה. עס איז דאך אבער דא א חרם דרבינו גרשום, אז מען טאר נישט חתונה האבען מיט צוויי נשים (שו"ע אהע"ז א-י). ביז יעצט האט ער געהאט איין אשה, די תורה, און יעצט ווען ער האט חתונה, האט ער מורא פונעם חרם דרבינו גרשום. געבט ער א גט פאר די תורה, און ער האט חתונה מיט איר, קומט אויס אז ער בלייבט נאר מיט איינס.

**אבער**, פארוואס האט דער רבינו גרשום געמאכט דעם חרם, ווייל איין אשה איז א צרה פארן צווייטען. אבער אין א שטוב וואס די תורה איז נישט קיין צרה, ביי א אשה וואס שטרעבט פאר תורה, איר ציל איז תורה, איר ציל איז דער מאן זאל זיצען און לערנען, און אויפשטעלן א שטוב פון תורה, די צוויי אשה'ס זענען נישט קיין סתירה. אדרבה דאס איז א אשה וואס וויל אז דער

אנדערער אשה זאל אויך דארט זיין. די אשה וויל אז עס זאל זיין א שטוב פון תורה, און זי זוכט אז די שטוב זאל זיין אויך מיטן צווייטען אשה, איז נישט דא ביי דעם די חרם דרבינו גרשום, ווען מען נעמטביידע. לכו לחמו בלחמי, די צוויי לחם'ס קענען מיטארבעטען איינס מיטן אנדערע.

**מען** זיצט ביי א סעודת תנאים פון מיין חשובע אייניקעל, וואס איז נתחנך געווארן אין אזא חשובע שטוב פון מיין אידעם זאל זיין געזונט. עס איז פקיע שמיה, זיין תורה, זיין עבודה, זיין הרבצת התורה, זיינע אויסערגעוועהנליכע מדות טובות. און די כלה איז באמת א כלה נאה וחסודה, זי איז נתחנך געווארן אין א שטוב מיט אזעלכע פיינע מדות. נישט אומזיסט האט איר דער אייבערשטער צוגעשיקט אזא חתן, א תלמיד חכם, א ירא שמים, וואס יעדער ווייסט אז ער איז א מופלג אין תורה, און ער איז נתחנך געווארן אין אזא חשובע שטוב פון דעם חשובען מחותן, א בנן של קדושים. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די צוויי לחם'ס זאלען זיין לכו לחמי בלחמי, ביז הונדערט און צוואנציג יאר אינאיינעם. און זיי זאלן קענען אויפשטעלן א שיינע יודישע שטוב, א בית נאמן בישראל, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר אלע זאלן זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער און אייניקלעך. דער באשעפער זאל געבן, אז מיר זאלן זיך קענען צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב, און זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת לך לך***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** ליוניאן סיטי, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **מענדל שליסל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים ביחד עם **כ"ק האדמו"ר מזוועהיל שליט"א**, **ורבינו שליט"א** מסר לו ספר **תהלים ולאשר אמר - ויגד משה.**

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **הערש אלימלך גרינפעלד** הי"ו (מאנסי), עב"ג בן הר"ר **יוסף ישעי' הלוי ביללער** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

אחר כך נסע לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בן הר"ר **הערשי פישמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בנציון טיבערג** הי"ו, שהתקיים באולם ליפשיץ. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **פנחס לייב כ"ץ** ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **זלמן בערגער** ע"ה (מאנטריאל).

*

***יום רביעי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת אינדיג ע"ה (אשת הר"ר **מענדל אינדיג** הי"ו).

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** איז דא אן ענין, אז די אבלים זאלן זיצען ווען מען איז זיי מנחם?

**רבינו:** יא, עס איז צוגעברענגט אז לכתחלה זאלן די אבלים זיצען (עיין בש"ך יו"ד סימן שפ"ז סק"א). אין רמב"ם (הל' אבלות יד-ז) שטייט, אז ניחום איז א טובה סיי פאר די אבלים און סיי פאר די מתים. עס איז מסתבר, אז פאר דעם אבל איז נישט קיין חילוק ווי אזוי מען איז אים מנחם, צו ער זיצט צו ער שטייט, אבער אז עס איז אויך דא א העכערער ענין אינעם ניחום, איז עס שוין אויסגעמאסטן וויאזוי עס דארף צו זיין.

**א' האבלים:** ווען איינער פון די אבלים איז שוין נישט אזוי ביים דעת, און האלט שוין נישט אזוי מיט, איז דא א ענין אז מען זאל גיין מנחם זיין, מכח דעם ווייל די נשמה דרייט זיך דארט ווי די אבל און די קרובים זענען?

**רבינו:** קיינער ווייסט נישט. דער אבל איז דאך נישט מתאבל, איז דאך נישט דא א ענין אים מנחם צו זיין. און דאס וואס די ניחום איז אויך פאר די מתים, איז מן הסתם ווייל רש"י זאגט אויפן פסוק (במדבר כ-טו) וירעו לנו מצרים ולאבותינו, אז בשעת די קינדער זענען זיך מצטער, זענען זיך די אבות אויך מצטער בקבר. קומט דאך אויס אז ווען די אבלים זיצען שבעה, און זיי זענען זיך מצטער, האט די נשמה אויך א צער דערפון. און ווען עס איז דא א ניחום ביי אבלים, און מען מאכט פאר זיי גרינגער, ווערט גרינגער פאר די מתים אויך. אבער דארט ווי דער אבל איז זיך נישט מצטער, ווייל ער ווייסט נישט, קען זיין אז עס איז נישט דא א ענין פון א ניחום פאר די נשמה.

*

בשעות הלילה הגיע הרה"ג רבי **שלמה ראבינאוויטש** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בנו בשעטו"מ.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **אברהם צבי אדלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם מענצער** הי"ו, שהתקיים באולם ע"י ביהמ"ד פאפא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום חמישי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **עזריאל יהודה** בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יודא לייב בוים** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד טשאקעווע שליט"א** שישב שבעה על פטירת בתו ע"ה, אשת הרה"ג רבי **מנחם יעקב יהוסף ראטענבערג** שליט"א.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת וויליגער ע"ה (אשת הרה"ח רבי **יוסף בנימין וויליגער** שליט"א)

אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***ערב שבת פרשת לך לך***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן ש"ב הרב **בעריש מאסקאוויטש** שליט"א (בן הגה"צ **אב"ד זלאטשוב** שליט"א, חתן כ"ק הגה"צ **מתולדות אהרן** שליט"א), שהתקיים בבית המדרש זלאטשוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, אחר אמירת הברכות מסר **רבינו שליט"א** את הכוס **לאב"ד זלאטשוב** לקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***שבת קודש פרשת לך לך***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי וואלף קיצעס** זי"ע. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי** שליט"א.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי חיים אבערלאנדער שליט"א** אב"ד ווילעדניק (מאנסי) בברכת המזון.